כ"ד תשרי תש"ם

חשובער שלמה בירנבוים!

איך האָב זיך זייער דערפרייט מיט אייער בריוו פון כ"ו אלול. איך האָף אז איר האָט גוט פאַרבראַכט די יום-טובים.

פאַרשטייט זיך אז אין לאָנדאָן איז ניטאָ קיין סומכה איבער ייִדישער פילאָלאָגיע וואָס זאָל זיין בכוח משגיח צו זיין איבער א דיסערטאַציע. אָפיציעל האָב איך ד ר יי בעלי יועצים: רפאל הלוי (לאָאי) (דער עיקר ריבער העברעאישע און אראמישע ענינים); שמעון אבראַמסקי (דער עיקר איבער ביבליאָגראַפישע און ליטעראַטור-היסטאָרישע ענינים) און ריטשערד האָדסאָן פון דער לינגוויסטישער אָפּטיילונג (איבער ענינים וואָס זיינען נוגע אַלגעמיינער לינגוויסטיק). אחוץ דעם בלייב איך אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט מיכל הערצאָגן אין ניו-יאָרק ביי וועמען כ'האָב געענדיקט דעם ערשטן דיפּלאָם אין קאָלאָמביע-אוניווערסיטעט אין לינגוויסטיק מיט א ספּעציאַליזאַציע אין דער געשיכטע פון ייִדיש. פאַקטיש קען מען זאָגן אַז איך שרייב די דיסערטאַציע אין א גרויסער מאָס אליין — ד"ה איך ווענד זיך צו איינעם פון די בעלי יועצים ווען כ'וויל פון זיי עפּעס וויסן אַן עצה וכדומה. אויסער דער דיסערטאַציע שטודיר איך פאָנעטיק ביי דזש. ד. אָקאָנערן און מיטל-הויכדייטש ביי ט. סעקפּאַרלאַנדן (אַלצדינג אין יוניווערסיטי קאָלעדזש). אויסער די לימודים לערן איך צוויי קלאַסן פון ייִדיש אינעם אָקספאָרדער צענטער פאַר העברעאישע שטודיעס (אונטער ד. פּאַטערסאָנען).

יאָ, איך בין געבוירן געוואָרן אין ניו-יאָרק אין 1956. איך בין געפאָרן אין לאָנדאָן שרייבן די דיסערטאַציע ערשטנס צוליב דער באַקוועמלעכקייט פון די ביבליאָטעקן, צווייטנס צוליב דער אַקאַדעמישער סיסטעם (כ'האָב זיך געקענט א נעם טאָן צו דער דיסערטאַציע תיכף אָנשטאָט דאַרפן אָנזאַמלען „קרעדיטן"), דריטנס מחמת דעם וואָס לאָנדאָן געפעלט מיר מער איידער ניו-יאָרק ווי ש שטאָט צום וואוינען. איך האָט רעכט אַז כ'וועל מן הסתם ניט בלייבן אין לאָנדאָן ווייל ס'זעען זיך ניט וועלכע ניט איז מעגלעכקייטן פון אַן עווענטועלער שטעלע. ווען דער ענין וואָלט אָבער געווען אין מיינע הענט וואָלט איך זיך געפרייט דאָ צו בלייבן.

די מאַמע מיינע איז אַן אַמעריקאַנער געבוירענע, זי האָט שטודירט ייִדיש א פּאָר יאָר ביי אוריאל ווייַנרייכן ז"ל אין די פופציקער יאָרן. אין דער היים האָב איך גערעדט מיט דער מאַמען און כ'רעד מיט איר ווייטער ענגליש. דער טאַטע איז א ייִדישער פּאָעט, מעינקע קאַץ, א געבוירענער אין דער ליטע (אין מיכאַלישעק) און פון קינדווייז אָן עד היום רעד איך מיטן טאַטן בלויז ייִדיש. דעם א י נ ט ע ר ע ס צו ייִדיש האָב איך פון זינט כ'האָב זיך געלערנט אין דער פּלעטבושער ישיבה מיטלשול אין ברוקלין וואו כ'האָב געפירט א קאַמף מען זאָל אַריינפירן דעם לימוד פון ייִדיש כאָטש אויף דער זעלביקער מדרגה ווי פראַנצייזיש און שפּאַניש זיינען דאָרטן געלערנט געוואָרן.

באַלד נאָכן באַקומען אייער בריוו האָב איך זיך ווידער געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן פאַרלאַג פון מאַנטשעסטער אוניווערסיטעט — זיי האָבן זיך אַנטשולדיקט פאַרן ניט וויסן דערוועגן דעם ערשטן מאָל ווען כ'האָב זיי געשריבן וועגן דעם. כ'האָב זיי גלייך אַרויסגעשיקט א טשעק און זיי זאָגן אַז דאָס

בוך וועט מען ערשט ארויסשיקן אין יאנואר. ווארט איך אויף
אייער בוך מיט גרויס אומגעדולד און איך וועל אים טייער האלטן
ווי כ'האלט טייערע אלע אייערע גרויסע ווערק אין וועלכע איך קוק
אריין שטענדיק. דעם ספעציעלן אינטערעס אין דער יידישער
פאנאלאגיע האב איך לכתחילה באקומען נאכן שטודירן אייער
„איבערזיכט איבערן יידישן וואקאליזם" פון 1923.

פארשטייט זיך אז כ'וואלט עס געהאלטן פאר גאר א
גרויסן כבוד ווען איר האט וועלכע ניט איז קריטיק און
אויסבעסערונגען צום אקספארדער רעפעראט. איך ארבעט איצטער
איבערן רעפעראט וואס כ'דארף לייענען אין א חודש ארום אויף
דער יערלעכער יווא-קאנפערענץ („די אינעווייניקסטע קלאסיפיקאציע
פון די מערב-יידישע דיאלעקטן").

אויב איך קען אייך מיט עפעס אמאל צו ניץ קומען אין
לאנדאן וועל איך זיך זייער פרייען. און נאך אמאל, א גאר
הארציקן דאנק פאר אייער ווארעמען בריוו און בעסטע וואונטשן
אויף א יאר פון פרייד, שעפערישקייט, מזל און הצלחה.

איך בלייב אייער איבערגעגעבענער פארערער און תלמיד

דוד קאץ